# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת בא תשפ"ד ◆ עלון מס': 130

## דברים שבלב

אויסציגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### די ווייטסטע איז די נענסטע

ווען עס געשעט און א קליין קינד כאפט א קלאפ פון א טיש, אדער פון א צוים, און ער וויינט זייער שטארק און מען וויל אים בארואיגן איז דא אסאך עלטערן וואס ווען אים נעמען צו די טיש און הייסן אז ער זאל זיך נוקם זיין אין די טיש אדער אין די צוים.

דאס קינד שפירט דערביי א געשמאקער געפיל און זיין אנגעצויגענקייט בארואיגט זיך.

אזוי טוט א קינד, און כאטש ביי אן ערוואקסענער זעט מען נישט אזא התנהגות, אבער דער דערוואקסענער וועט יא באשולדיגן א שכן אדער א חבר אז ער האט אים געשיקט אדער אנגעטון א שאדן.

וואס איז דער חילוק? פארוואס דא פארשטייט יעדער אז דער טיש איז נישט שולדיג און דא פארשטייט יעדער אז דער חבר איז יא שולדיג?

די סיבה צו דעם חילוק איז ווייל דער מענטש וועט נאטורליך ווערן נאכגעשלעפט נאך וואס ער זעט. אז ער זעט ווי יענער האט אים געטשעפעט וועט ער גלייבן אז יענער איז שולדיג, אפילו אז ער ווייסט ביי זיך אז קיין איינער קען נישט אנטון שאדן פאר א מענטש, אויב דער רבוש"ע געבט אים נישט די כוחות און די רעכטן עס צו טון.

דער רבי רופט אן דעם געדאנק מיט די ווערטער: **נטותו אל הסיבות הקרובות אשר הוא רואה אותן.**

אבער דער רבי וויל אויך אז מיר זאלן נישט בלייבן מיט אזא סארט מחשבה. ווען מיר וועלן זען אן ערוואקסענער שלאגן די טיש פאר נקמה ווען מיר פארשטיין אז דער שכל פון דעם מענטש איז אביסל באגרעניצט און אז עס פאדערט זיך אז מען זאל עס אויסברייטערן, און די זעלבע וויל דער רבי טון מיט אונז, ער וויל אז אונזער שכל זאל ווערן ברייטער, אז מיר זאלן אנערקענען אז אלעס קומט פון אויבן און אז דער וואס טשעפעט האט נישט די כח צו טשעפענען, נאר עס איז אלעס איין לאנגער קייט פון פעולות וואס איינער שלעפט נאך דעם צווייטן.

אז מיר זאלן דערהערן דעם געדאנק, געבט דער רבי א משל צו א קעניג וואס האט באשלאסן צו באשטראפן א צווייטן. עס איז פשוט אז נאכ'ן ארויסגעבן דער פסק דין וועט נישט דער קעניג זיין דער וואס וועט באשטראפן דעם מענטש, נאר ער וועט ארויסגעבן דער באפעל פאר'ן משנה למלך, און דער מלך וועט עס געבן פאר'ן מיניסטער, און די מיניסטער וועט עס זאגן פאר'ן פאליציאנט, און דער פאליציאנט וועט עס איבערגעבן פאר דער אפיציר, און דער אפיציר וועט עס איבערגעבן פאר דער וואס פירט עס אויס למעשה.

עס קען זיך דוכטן פאר דער וואס ווערט באשטראפט אז זיין פסק דין ליגט אין די הענט פון דער וואס דארף אויספירן למעשה'דיג די אורטייל, אבער דער אמת איז אז ער האט די ווייניגסטע מאכט צו טוישן די אורטייל, ווי העכער ארויף אלץ מער כח האט ער אויסצופירן דעם אורטייל. און דאס איז איבעראל אזוי, אז דער נענסטער אויסצופירן די שטראף איז בעצם די ווייטסטע צו קענען באיינפלוסן דעם גזר דין.

עס איז אזוי ביי א גזר דין, און עס איז אזוי ביי יעדער זאך אין די וועלט, דא אויף די וועלט האבן מיר די ווייניגסטע כח צו טוישן די זאכן, ווייל מיר זענען טאקע די נאנסטע אויסצופירן דעם גזר דין אבער מיר זענען בעצם די ווייטסטע צוקענען טוישן זאכן.

דער רבי ברענגט די משל ווייל ער וויל אז מיר זאלן זיך עפענען די אויגן און דערהערן דעם געדאנק. אז מיר זאלן עס וויסן מיט א קלארקייט און נישט ווערן פארבלענדעט פון די וואס האבן ווייניג כח צו טוישן א זאך, נאר געדענקען אז אלעס קומט פון אויבן.

אז מען דארף עפעס, אז מען וויל זיך איינבעטן אז די גזר דין זאל זיך טוישן, דארף מען זיך ווענדן צו וואו מען האט די כוחות צו טוישן עפעס, ווייל דא האט מען נישט די יכולת צו טוישן זאכן.

[ארויסגענומען פון שיעור 276 אין שער

## די וועכענטליכע השגחה

### פארלירן אן אייזל מיט א הינדל - אויפ'ן חשבון פון זיין א געפאנגענער אין עזה

ווען מען זאל געבן פאר א איד די ברירה אז ער קען זיך אויסוועלן - אדער וויל ער זיין א געפאנגענער אין עזה, אדער וויל ער בלייבן נעכטיגן איין נאכט אין די מדבר און דיין אייזל מיט דיין הינדל וועלן שטארבן, דיין ליכט וועט זיך פארלעשן און דו וועסט בלייבן דארט אליין ביינאכט, אפילו נאר פאר איין נאכט.

דוכט זיך אז דער איד האט בכלל נישט געגעבן פאר'ן איד קיין אויסוואל.

דאס איז גענויע ווערטער וואס דער הייליגער מהר"ל זאגט אויף די באקאנטע מעשה פון רבי עקיבא אין מסכת ברכות דף ס' עמוד ב'.

דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט זיך ארויסגעלאזט אויף א רייזע. אלעס וואס ער האט געדארפט האבן צו די וועג האט ער געהאט מיט זיך. ער האט געהאט אן אייזל, א הינדל און א ליכט. פארנאכטס איז ער אנגעקומען צו א שטאט און געבעטן ביי די ארטיגע איינוואוינער אז מען זאל אים לאזן איבערנעכטיגן אין די שטאט, אבער קיין איינער האט נישט אריינגעלאזט צו זיך אין שטוב.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה איז ער געגאנגען שלאפן אין מדבר.

ער האט צוגעבינדן די אייזל און די הינדל צו א בוים און זיך געגרייט צו גיין לערנען, אבער אין יענע מינוט איז ארויסגעקומען א לייב און אויפגעגעסן זיין אייזל. ווען רבי עקיבא האט דאס געזען, האט ער געזאגט זיין באקאנטער מאמר: כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד.

געציילטע מינוטן איז אריבער און א הונט האט אויפגעגעסן זיין הינדל און די ווינט האט פארלאשן זיין פייער.

אויף יעדע זאך האט ער געזאגט דער זעלבער מאמר: כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד.

יענע נאכט האבן א גרופע פון רויבער באפאלן די שטאט. זיי האבן בארויבט יעדן איינעם און גענומען אלע מענטשן פון די שטאט אין געפענגעניש, אבער רבי עקיבא איז ניצול געווארן פון זיי, אדאנק וואס זיין אייזל און הינדל האבן נישט געקרייעט און די ליכט האט אים נישט אנטדעקט.

האט רבי עקיבא שפעטער געזאגט פאר זיינע תלמידים: זעט איר אז אלעס איז צום גוטן, אז כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד.

דער מהר"ל אין זיין ספר נתיבות עולם [נתיב אהבת השם ונתיב הבטחון] געבט אריין א מורא'דיגע קלארקייט אין די מעשה.

ער הייבט אן מיט דער יסוד אז אסאך מאל איז דא ביי א מענטש ווען עס איז נגזר געווארן אויף אים א גזירה, אבער דער רבוש"ע געבט פאר'ן מענטש די ברירה אז ער אויב ער וועט אויף זיך מצדיק זיין דעם דין און גלייבן באמת אז אלעס איז לטובה - וועט ער זיך קענען אויסלייזן פון די גזירה.

אויף רבי עקיבא איז נגזר געווארן אז ער זאל זיין א געפאנגענער, אבער הקב"ה האט רחמנות געהאט אויף אים און אים געגעבן די ברירה זיך אויסצולייזן פון זיין גזירה.

א געפאנגענער פארלירט דריי זאכן, ער פארלירט זיין גוף, זיין נפש און זיין שכל, אלעס וואס ער האט, און די אלע דריי בחינות זענען מרומז אין די זאכן וואס ער האט דא פארלוירן.

מיט'ן פארלירן זיין אייזל האט ער פארלוירן זיין חומריות, זיין גוף, מיט'ן פארלירן דער הינדל איז קעגן די נפש ווייל א הינדל האט מער נפש פון אנדערע בעלי חיים ווי מען זאגט ביים דאווענען 'הנותן לשכוי בינה', און די ליכט איז קעגן די שכל פון דער מענטש.

רבי עקיבא האט פארלוירן אלע דריי, אבער ער האט עס צוריק פארדינט אז ער איז ניצול געווארן פון געפעגעניש.

דער געדאנק איז געווען ביי רבי עקיבא אבער עס איז בעצם דא ביי יעדער מענטש. ווען א מענטש גייט אריבער א שוועריגקייט און ער איז מצדיק אויף זיך דעם דין, שפּאָרט ער פון זיך אסאך שוועריגקייטן, ער דריידט איבער די שוועריגקייט צו ליכטיגקייט און צו א טובה און ווי דער לשון פון דער מהר"ל איז אז א מענטש זאל אייביג זאגן כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד, און ווען א מענטש וועט עס זאגן אפילו אויף א זאך וואס זעט אויס חלילה רע - וועט ער זוכה זיין אז דורך דעם וועט אויך די רע נתהפך ווערן לטובה.

עס איז אין אונזערע הענט! מיר קענען נעמען די גרעסטע שוועריגקייטן און זיי איבערדרייען, מיר קענען עס לעזן, אלעס וואס מיר דארפן זאגן איז כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד, און מיר האבן זיך

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## דער שער הבטחון עפנט אויף די שערי השפע

אלעס האט זיך געפירט על מי מנוחות, ווען איין חודש האט זיך אנגעהויבן שוועריגקייטן. מיין כולל געהאלט האט מען געשניטן און אויך האט מען אראפגעשניטן פון מיין 'קינדער געלט'. זעענדיג אז עס געשעט אין איין צייט האב איך באשלאסן אז איך דארף זיך מחזק זיין אין עטליכע זאכן. איך האב זיך געשטארקט און זיך קובע געווען א שיעור אין חובת הלבבות, אין שער הבטחון.

עס איז א דורך א טאג, און א יונגערמאן קומט צו מיר און געבט מיר געלט.

וואס איז געשען? האב איך געוואלט פארשטיין.

איינער האט עס געשיקט פאר דיר. א טאג דערויף איז די כולל געלט געקומען צו גיין און מען האט עס געהעכערט לויט די סומע וואס איז אראפ פון מיין קינדער געלט.

איך האב געזען אז אויב מען לערנט שער הבטחון עפענען זיך אויף די שערי השפע.

## קיין איינער האט נישט צוגערירט צו דעם

דא רעדט א יונגערמאן פון די שטאט חיפה:

אין א טאג בין איך געפארן פון איין שטאט צו די אנדערע מיט די טראנספארטאציע סיסטעמען. אויפ'ן באס האב איך מיטגענומען מיט מיר וויכטיגע דאקומענטן, איך האב עס געהאלטן ביי מיר און איך בין געווען זיכער נאכ'ן אראפגיין פון באס אז איך האב עס אויף מיר, אבער איך געב א קוק, עס איז נישט דא.

דער פארלוסט האט מיר זייער שטארק געשטערט. איך האב מתפלל געווען פאר'ן באשעפער אז איך זאל זיי טרעפן. די בקשה האב איך געבעטן מסודר'דיג, אזוי ווי דער אור החיים הק' זאגט.

איך האב געבעטן אז איך זאל עס טרעפן סארטירט, אן וואס קיין איינער זאל נישט צורירן צו דעם.

עס איז אריבער אפאר טעג און איך האב זיך מיישב געווען אז איך וויל פארן קיין מירון. איך האב אפגעשמועסט מיט איינער פון מיינע נאנטע אז מיר גייען פארן צוזאמען.

"וואו גייען מיר זיך טרעפן?"

איך האב אים אנגעוויזן אויף א געוויסער באס סטאנציע ביי אונז אין געגענט און אים געבעטן ער זאל מיר

## שאדן געהאט די רווח

ווען איך האב באשלאסן אז איך גיי ווערן א דרייווער פאר פרנסה האב איך זיך פארגענומען צוויי זאכן. איין זאך אז טאג טעגליך וועל איך נישט פארפעלן מיינע שיעורי תורה, די צווייטע איז אז איך וועל אין קיין שום פאל נישט מאכן קיין נסיעות ערב שבת נאך חצות.

ביידע קבלות זענען זייער שווער אבער ברוך השם אז ביזדערווייל בין איך געשטאנען אין דעם.

עס איז געווען ערב שבת פרשת ויגש ווען מען האט באשטעלט ביי מיר א נסיעה צו די עירפארט. די נסיעה איז געווען באשטעלט אויף האלב עלף, עס איז געווען גענוג צייט צו קענען קומען און גיין און איך האב עס אנגענומען.

די אידן וועמען איך האב געדארפט טראגן האבן זיך פארשלעפט און עס איז אויסגעקומען אז ווען זיי זענען ארויסגעקומען איז שוין געווען היבש שפעט.

"מיין פרייז איז 600 שקל". האב איך זיי קלארגעשטעלט און געגעבן צו פארשטיין אז איך האב געווארט אויף זיי צוויי שעה צייט.

זיי האבן זיך נישט גע'טענה'ט און באצאלט די פרייז.

איך בין אנגעקומען קיין ירושלים, אבער דא האט איינער געבעטן אז איך זאל אים צופירן צו מודיעין עילית, איך האב געזאגט אז די פרייז איז 175 שקל.

ביי מיר איז עס געווען א פארדינסט, אלץ איינוואוינער פון די שטאט איז עס פונקט וואו איך דארף. אויבנאויף האב איך פארדינט היינט 775 שקל, אבער דא האט זיך אנגעהויבן אויסקלארן מיין טעות.

אויפ'ן וועג צו די מקוה האט מיין קאר געמאכט א קליינער עקסידענט, איך האב עס געמוזט טראגן פאררעכטען. ווען מען האט געענדיגט פאררעכטען די פעלער האב איך געפרעגט וואס איז די סומע.

"דו דארפסט צאלן 775 שקל".

עס האט געדויערט א מינוט איך זאל כאפן דעם רמז, אבער ווען איך האב עס געכאפט, האב איך עס גוט דערהערט, עס איז מקויים געווארן ביי מיר וואס עס שטייט אין שלחן ערוך הרב: כל העושה מלאכה בערב שבת אינו רואה סימן ברכה לעולם!

אז דו פארדינסט אין איין פלאץ דערלייגסטו עס גלייך ערגעץ אנדערש.

## צוויי מאשינען לעבן אינאיינעם

ווען די מאמע האט זיך געגרייט אריינצולייגן די וועש אין די וואש מאשין און געהאפט אז עס וועט טון איר ארבעט, ווי זי טוט שוין די לעצטע צוואנציג יאר, איז זי געווען ערשטוינט צוזען אז די מאשין ארבעט נישט.

זי האט געדרוקט אלע קנעפלעך, אבער גארנישט האט זיך נישט גערירט.

נאכ'ן רופן א מעכאניקער האט זיך ארויסגעשטעלט אז די מאשין איז אפגעלאפן, זי ארבעט מער נישט.

יענער נאכט איז די פרוי געגאנגען צו א חתונה און דארטן אנגעטראפן א פרוי אן אלמנה.

"איר געדענקט אז איר האט מיר אמאל געגעבן א וואש מאשין"? האט זי א פרעג געגעבן פון די פרוי.

"יא, איך געדענק אז ווען איך האב געקויפט פאר מיר א וואש מאשין האב איך געקויפט נאך איינס פאר דיר".

"מיינס האט היינט אויפגעהערט צו ארבעטן".

"אויך מיינס".

עס האט זיך ארויסגעשטעלט די וואונדערליכע מציאות אז איין מאשין האט געהאלטן דעם צווייטן ביים לעבן. אין זכות פון די חסד וואס זי האט געמאכט מיט די אלמנה האט אויך איר מאשין געארבעט, אין די רגע וואס איר מאשין איז געגאנגען איז אויך איר מאשין געגאנגען פון די וועלט.

### מפיצים אמונה ומחיים נפשות

מיט א שטיק צייט צוריק האב איך געהערט איבער די געוואלדיגע האטליניע פון השגחה פרטית. איך בין יעצט אין א שווערע תקופה. עס איז מיר שווער סיי ברוחניות און סיי בגשמיות און איך האב נישט די כוחות אנצוגיין ווייטער, אבער אייער האטליניע שטארקט מיר גאר שטארק. א באזונדערע הנאה האב איך אויסהערנדיג די ניגון פון זיבן תנאים פון חובת הלבבות. די ניגון בלאזט אריין אין מיר עמערס פון כח, איך קען עס הערן צענדליגער מאל א טאג. עס איז א געוואלדיגע זאך, איך האב נישט קיין ווערטער אייך צו באדאנקען.

### מפיצים אמונה ורואים ישועות

מיט א האלב יאר צוריק האב איך תורם געווען געלט אז מען זאל פארשפרייטן דעם גליון לזכות אז מיין טייערע שוועסטער אין עלטער פון 34 יאר זאל ווערן א כלה. הודו לה' אז די ישועה איז געקומען צוגיין און מיט א צוויי וואכן צוריק איז זי געווארן א כלה. די שמחה איז געווען זייער גרויס און ברוך השם אז די ישועה איז געקומען דורך וואס מען האט מחזק געווען אנדערע אידן אין אמונה.

## א טעקסי ביז'ן שטוב

איך וואוין אין די שטאט בני ברק. מיינע עלטערן וואוינען אין די רמות געגענט אין ירושלים. פון צייט צו צייט קומען זיי מיר באזוכן און פארברענגען ביי אונז אויף שבת. אויך יענער שבת זענען זיי געקומען צו גיין, און פארבליבן ביי אונז אויף שבת.

מוצאי שבת האבן מיר זיך געגרייט אהיימצופארן, און אנצוקומען צו די באס סטאנציע האבן מיר באשלאסן צו נעמען א טעקסי ביז צו די באס און פון דארט אהיימפארן. מיר האבן געזוכט אפצושטעלן א טעקסי אבער אלע טעקסי'ס האבן זיך געיאגט און עס האט אנגעהויבן ווערן שפעט.

"באשעפער העלף עס זאל קומען א טעקסי און אונז נעמען צו די באס סטאנציע". האב איך געזאגט, אבער מיין טאטע האט מיר מעיר געוויזן אז די תפילה דארף זיין אנדערש.

מיר דארפן נישט געבן עצות פאר'ן באשעפער, עס איז גוט אז מיר זאלן בעטן אז השי"ת זאל אונז פירן צו אונזער ציל לחיים ולשלום. איך האב געפאלגט. און אט פארט א טעקסי אריבער. מיר האבן אים געבעטן ער זאל זיך אפשטעלן, אבער ער האט נישט געהאלטן דערביי.

"איך יאג זיך, איך פאר יעצט קיין ירושלים".

"מיר דארפן אויך קיין ירושלים".

"אבער איך פאר אין די רמות געגענט".

"מיר פארן אויך אין די רמות געגענט".

הערנדיג דאס האט אונז דער טעקסי' ארויפגענומען אויפ'ן קאר. פאר א סימבאלישע פרייז האט ער אונז גענומען ביז צו אונזער שטוב.

איך האב געזען אז מיין טאטע האט רעכט, מען דארף בעטן אז מען זאל אנקומען אין שטוב אין א מזל'דיגע שעה, און נישט געבן עצות פאר'ן באשעפער.

## אין זכות פון שמירת עינים

ממש נאך די חתונה האט מען פון הימל צוגעפירט אז איך זאל זיך צוטרעפן א געשמאקער כולל. די כולל איז סיי געווען געשמאק אין לערנען און סיי אין געלט, דער אפצאל איז געווען גוט און העכער ווי מען צאלט אין די געוועינליכע כוללים.

איך האב געדאנקט הקב"ה אויף די מתנה וואס איך האב באקומען. עס איז נאר געווען איין קליינע חסרון אז די כולל איז געווען א היבשער וועג פאר מיר צוגיין. אויף אויף דעם האב איך געטראפן א לעזונג, איך פלעגט נוצן די ארטיגע מהדרין באס.

אבער דא האט זיך געמאכט אז דער מהדרין ליניע האט אויפגעהערט צו פארן, און די איינציגסטע וועג אנצוקומען צו מיין ציל איז געווען צו פארן מיט די נישט מהדרין באס. איך האב זיך זייער געראנגלט אין מיר, איך וועל זיצן מיט פארמאכטע אויגן אויפ'ן באס, האב איך געטראכט צו מיר, אבער איך האב געוואוסט אז איך נאַר זיך.

איינמאל איז א מענטש מסוגל בייצושטיין א נסיון, אבער ווען עס ווערט טעגליך פאדערט זיך גרויסע כוחות, און א מענטש דארף זיך מעסטן צי ער קען עומד זיין אין דעם, און ווויסנדיג אז נישט - האב איך באשלאסן אז איך גיי עס אויפגעבן. עס איז געווען א שווערע החלטה, אבער ברוך השם אז איך האב געהאט די כוחות דערצו.

אין יענע טעג בין איך איין טאג אריין אין א חסידישער שול. ווי נאר כ'טרעט אריין אין איר קומט צו לויפן א חסיד'ישער בחור פון אויסלאנד און באגריסט מיה, אויף דיר האב איך געווארט.

"אויף מיר"? איך קוק אים אן און ער זאגט מיר אז ער זוכט שוין א חברותא א שטיק צייט און איך זעה אים אויס א פאסיגער קאנדידאט.

"אבער איך בין א כולל יונגערמאן".

דער בחור האט נישט געצעגערט. אויפ'ן ארט רופט ער אן זיין טאטע און דערציילט אים מיט שמחה אז ער האט א חברותא און לייגט צו אז ער איז א כולל יונגערמאן און ער וויל נישט דערליגן זיין כולל געלט.

"פרעג אים וויפיל געלט האט ער באקומען ביז היינט".

דער בחור האט מיר געפרעגט און איך האב אים געזאגט.

"ער וועט עס באקומען יעדע חודש, נאר ער זאל לערנען מיט דיר".

איך האב עס אנגענומען, נאך יענעם טאג האט זיך די חברותא אנגעהויבן, איך האב ווייטער פארדינט וויפיל איך האב אמאל פארדינט, אבער דאסמאל מיט שמירת עינים.

קומען אפנעמען פון דארט.

איך בין געשטאנען דארט אין די באשטימטע שעה און די קאר קומט נישט אן. איך האב אים געקלינגען און ער האט געזאגט אז עס איז דא אן אפהאלט.

ווארטנדיג אזוי איז אריבערגעפארן א שטאטישע באס.

דער באס האט זיך אפגעשטעלט נעבן מיר און זייענדיג דער איינציגסטער אין די סטאנציע האט דער דרייווער געווארט אז איך זאל ארויפקומען אויפ'ן באס.

איך האב זיך דערנענטערט צו די באס אים צוזאגן אז איך ווארט דא אויף א צווייטער, ווען פלוצלונג באמערק איך פונדערווייטנס ווי מיין זעקל ליגט דארט אויפן באס אומבארירט.

"וועמענס איז דער זעקל".

"איינער האט איבערגעלאזט דא", האט דער דרייווער געזאגט.

"עס איז מיינער".

איך בין ארויף עס נעמען און זיך באדאנקט פאר אים, און געזעני ווי מיין תפילה איז עס געווען, אלעס איז געלעגן דארט זייער סארטירט און וואוקגעלייגט.

א רגע דערויף איז מיין קאר אנגעקומען, איך האב געזען פון דעם אז די שפעטיגונג איז געווען לטובה, אז איך זאל קענען טרעפן מיין פארלוירענע אבידה.

## מיין באשטימטער ברעטל

מיט א האלבער יאר צוריק איז מיין באבע אוועק פון די וועלט. מיין טאטע האט אנגעהויבן דאווענען פאר'ן עמוד לעילוי נשמתה, און זוכנדיג א גוטער מנין האט ער זיך אויסגעוועלט א קביעות'דיגער מנין און דארטן דאווענט ער טעגליך.

די זעלבע האט ער אויך געטון ביי מנחה, און אזוי איז ער רואיג, אז טאג טעגליך האט ער זיך זיין מנין וואו ער דאווענט פאר'ן עמוד.

איין טאג האט מיין מאמע געדארפט גיין אין שפיטאל אויף א באהאנדלונג. די אפוינטמענט איז געווען אין די זעלבע צייט ווען ער האט זיין מנין קבוע ביי מנחה. מיין טאטע האט געטראכט צו זיך וואס ער קען טון דערוועגן, וויאזוי קען ער מיט דעם אלעם טרעפן א קביעות'דיגער מנין.

נאך איידער ער האט געטון עפעס דערוועגן האט פלוצלונג פאסירט אן אויפפאלענדער זאך.

נאך שחרית קומט דער גבאי צו אים און זאגט אים אז אויב ער וויל איז די ברעטל פון די קביעות'דיגע מנחה גדולה מנין היינט ליידיג, אז דו ווילסט קענסטו עס נעמען.

מיין טאטע האט זיך געוואונדערט וואס איז אים איינגעפאלן אזא זאך, אז ער קומט אים זאגן, אבער ער האט געזען אין דעם א שטארקער הארת פנים, א סימן אז זיין מאמע אין הימל באמיעט זיך ער זאל קענען דאווענען פאר'ן עמוד.


## מפיצים אמונה לכל יהודי בכל העולם

**שכונה שלימה נתרמה לזכות**

פייגא בת מרים אסתר - גולדא בת מרים אסתר - חיים יהושע בן מרים

אסתר רייזל בת מרים אסתר - **שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש**

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300**|דריקט 6

**העברה לבנק לאומי** סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### דורך אמונה איז מען ממשיך אויף זיך אלע ברכות פון די וועלט

**אור יצחק ראדוויל פרשת נח:**

ווי מיין טאטע פלעגט צו זאגן אז 'אמונה' איז מלשון המשכה, ווי מען זעט ביי אסתר המלכה אז עס שטייט ביי איר 'ויהי אומן את הדסה'. אמונה איז ווי א רער. אזוי ווי דער מענטש גלייבט אז ער וועט אנקומען, אזוי ווערט נמשך צו אים אלע גוטס פון דער מקור. דאס איז א טיפער דערהער. אזוי איז אויך געווען אין מצרים, ווי עס ווערט געברענגט אין ילקוט שמעוני [בשלח ר"מ] שלא נגאלו ישראל אלא בשביל אמונה.

דאס איז אויך געווען די כוונה פון משה רבינו מיט'ן זאגן (שמות ו יב) הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה. לכאורה איז עס א וואונדער, פארוואס זאל דער נביא פון די אידן פרעגן פאר הקב"ה 'ואיך ישמעני פרעה'? אז וויאזוי וועט פרעה הערן? דער רבוש"ע איז דאך א כל יכול, ער קען מאכן אז פרעה זאל יא הערן.

נאר ער האט געמיינט צו זאגן מיט דעם אז די גאולה וועט דאך נאר קומען דורך אמונה און אויב די אידן הערן אים נישט אויס 'מקוצר רוח ומעבודה קשה' וועט ביי זיי פעלן די זכות פון די אמונה, און וויאזוי וועט פרעה קענען הערן און ברענגען די גאולה, און ווי דער טאטע ז"ל פלעגט זאגן והם לא יאמינו לי ואיך ישמע אלי פרעה שישלחם ואני ערל שפתים ווייל איך דארף דאך נישט רעדן צו פרעה, ווייל פרעה וועט זיכער הערן און זיי ארויסשיקן בעל כרחך.

אבער ווען די אידן וועלן מיר אויסהערן און מיר גלייבן, וועט פרעה אויך זיכער גלייבן, ווייל די גאולה וועט שוין נמשך ווערן דורך די אמונה.

אבער אז כלל ישראל האט נישט געהערט און נישט געגלייבט, וויאזוי וועט פרעה הערן, עס איז דאך נישט מעגליך, ווי געזאגט, ודו"ל.

די רצון פון משה רבינו מיט'ן עס זאגן פאר הקב"ה איז געווען אז דער כביכול ב"ה זאל משפיע זיין אמונה שלימה פאר די אידן, אז זיי זאלן גלייבן אז ער וועט זיי ארויסנעמען פון מצרים און אזוי ארום וועט פרעה אויך הערן, והבן.

### אז מען האט מורא פון עפעס - איז מען מושך די זאך

**די הייליגע גמרא מסכת ברכות דף ס' ע"א:**

די גמרא דערציילט אז יהודה בר נתן איז נאכגעגאנגען רב המנונא. אזוי גייענדיג האט יהודה בר נתן געגעבן א קרעכץ. ווען רב המנונא האט דאס געהערט האט ער אים געפרעגט צי ער וויל גורם זיין יסורים אויף זיך? און גע'דרשנ'ט דער פסוק (איוב ג, כה) "כי פחד פחדתי ויאתיני ואשר יגורתי יבא לי".

האט יהודה בר נתן געפרעגט פאר רב המנונא, עס שטייט דאך אין פסוק אשרי אדם מפחד תמיד? האט אים רב המנונא געזאגט, אז דאס גייט ארויף אויף דברי תורה, אז א מענטש זאל אייביג מורא האבן אז ער וועט פארגעסן זיין לערנען און כסדר איבער'חזר'ן די תורה וואס ער האט געלערנט, אז ער זאל עס נישט פארגעסן.

### דורך די פחד פון א זאך איז מען גורם אז די זאל קומען אויף דער מענטש

**דער הייליגער מהר"ל אין חידושי** אגדות מהר"ל מפראג, בבא מציעא לג:

ווער עס איז מקיים די זאך ביי אים - קומט אן צו דעם [בבא מציעא לג] פירוש: דער מענטש קען גרינגער פועל'ן א זאך אויף זיך אליין, ווי ער פועל'ט אויף אנדערע, ווייל ווען ער פועל'ט אויף זיך, איז נישט דא קיין קעגנער וואס שטעלן זיך קעגן איר. נישט אזוי וועט זיין ווען ער פועל'ט אויף א צווייטן. דארט איז דא די מעגליכקייט אז דער מקבל זאל זיך מתנגד צו דעם און ער לאזט אים נישט פועל'ן די זאך.

ווען א מענטש האט מורא פון עניות געבט ער פאר די עניות די מעגליכקייט צו פועל'ן ביי אים און די זאך קומט צו אים. אט דער געדאנק איז דא ביי איוב, ער האט געזאגט [ג. כה] ואשר יגורתי יבא לי, ווייל ווען א מענטש האט מורא פון א צווייטן זאך, בייגט ער זיך אונטער די זאך וואס ער האט מורא פון איר, און מיט דעם פועל'ט ער אז די זאך זאל טאקע קומען אויף אים.

בפרט ביי עניות וואס איז א העדר. ווען ער געבט זיך איבער צו די העדר באקומט ער די העדר, ווייל ער לויפט עס נאך שטענדיג און דאס איז א קלארע זאך, אפילו אז זיינער א זאך איז ערשט מצד החיוב, ווייל ער איז נישט חייב אז זיין חבר'ס זאל זיין ערשט, אבער וואס ער באשטימט אויף זיך אזוי און דאס געשעט ווען ער האט מורא פון די עניות, קומט ער צו דעם, ווען זיין דעת איז מוכן צו דעם.

די געדאנק וואס איז דא ביי עניות איז נישט די זעלבע ווי איינער וואס האט מורא פון א נפילה, אז ער וועט אראפאלן. א נפילה וועט קומען צוליב א מכשול וואס קומט פון דרויסן און ער קען נישט פוע'לן אויף א מכשול וואס איז נישט אין זיין רשות. דאגעגן עניות איז עס א חסרון, א העדר ממון, און ווען ער וועט מורא האבן פון דעם איז זיין דעת אז ער איז מוכן צו דעם, און וועגן דעם קומט די זאך צו אים.

אויך ביי די זאך פון נפילה האבן די ראשונים געזאגט אז עס קומט פון יראה. א משל דערצו איז ווען א מענטש וועט נעמען א ברעט און עס אויסלייגן אויף א טייך, אז ער זאל קענען אריבערגיין פון איין עק טייך צו די אנדערע, אין אזא פאל איז ער אסאך נענטער אראפצופאלן, אבער אויב דער מענטש וועט לייגן די ברעט אויף די ערד וועט ער נישט פאלן. די סיבה דערצו איז ווייל די מחשבה וואס ער איז מחשיב אויף די נפילה איז משפיע אויף אים, ווייל דער שכל איז א פועל גמור, און כל שכן ווען ער האט מורא אז ער זאל נישט ווערן ארעם איז זיכער אז די מחשבה און די שכל פועל'ן אויף דער מענטש און דער מענטש איז מקבל עניות, והבן זה.

### דער פחד פון א מענטש איז מפסיד זיין עבודת ה'

**דער הייליגער מסילת ישרים פרק ט':**

נאך פון די זאכן וואס זענען מפסיד די זריזות איז דער פחד און די גודל המורא פון די צייט און אירע תולדות, ווייל אמאל וועט ער מורא האבן פון די קעלט, אמאל פון די היץ, אמאל פון די פגעים רעים, אמאל פון די חולאים און אמאל פון די רוח און אזוי ווייטער אויפ'ן זעלבן שטייגער. דאס האט שלמה המלך געמיינט צו זאגן אין משלי (קאפיטל כו) "אמר עצל שחל בדרך ארי בין הרחובות".

חז"ל זענען זייער מגנה די מדה פון פחד. זיי זאגן אז פחד מיט חטאים גייען צוזאמען. מען זעט פון פסוק אזוי. אין פסוק שטייט "פחדו בציון חטאים אחזה רעדה חנפים".

עס גייט אויף אזוי ווייט, אז איינער פון די גדולים האט געזאגט פאר זיינער א תלמיד, ווען איך זעה אויף דיר דערשראקנקייט איז עס ביי מיר א א סימן אז דו האסט געזינדיגט.

פארקערט שטייט אין תהלים (תהילים לז) "בטח בה' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה".

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

מערערע מאל איז שוין אויסגעקומען צו רעדן פון דער יסוד אז יציאת מצרים איז נישט געווען אן איינמאליגע זאך, עס איז א זאך וואס האלט אין איין געשען.

אויך אין די יעצטיגע גלות איז דא צוויי בחינות. עס איז דא א כללות'דיגע גלות און עס איז דא פרטיות'דיגע גלות וואס יעדער איד האט פריוואט ביי זיך. יעדער איינער האט זיך זיינע זאכן וואס באגרעניצן אים און זענען גורם אז ער זאל זיין געבינדן אין זיי און ער קען זיך נישט ארויסזען פון דעם.

מיר ווייסן אויך אז די תורה הק' איז נצחית'דיג. יעדע ווארט וואס עס שטייט אין איר איז נוגע פאר יעדן איד עד סוף כל הדורות, און אין די וואכן ווען מיר ליינען איבער איר איז א פאסיגע צייט, אז מיר זאלן זיך מתבונן זיין אין איר און זען וויאזוי מען קען ארויסגיין פון איר לחירות.

נאכ'ן זיך מתבונן זיין האבן מיר געטראפן צוויי נקודות וואס זענען נוגע צו אונז, וואס געבט אונז די כוחות צו קענען ארויסגיין פון איר.

די ערשטע נקודה איז אז סיי די גלות איז געווען א לאנגע און סיי די יציאה פון איר איז געווען א לאנגע. די התחלה פון די גאולה איז געווען ווען הקב"ה האט געהייסן משה רבינו זאל גיין צו פרעה און אים אנווארענען ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים און ווען פרעה האט נישט געפאלגט, האט הקב"ה אים געשיקט נאך א ווארענונג און נאך א ווארענונג און שפעטער איז געווען די מכות, ביז ווען כלל ישראל איז אינגאנצן ארויס פון די גלות.

מיר ווייסן דאך אז דער רבוש"ע איז א כל יכול, ער וואלט ווען געקענט מאכן אז די גאולה זאל קומען אין איין מינוט, אז כלל ישראל זאל ארויסגיין פון גלות גלייך, פארוואס האט זיך אויסגעפעלט די גאנצע קומעריי און ווארענונג און שפעטער די מכות.

נאר די תירוץ איז אז עס האט זיך דא אויסגעפעלט נאך א זאך, אויסער וואס כלל ישראל איז ארויס פון מצרים האט מען געדארפט ארויסנעמען די מצריש'קייט פון די אידן און דאס צו באוויזן האט מען געדארפט האבן די אלע ניסים.

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א
### אזוי גייט מען ארויס פון גלות!

די נקודה איז אויך דא היינטיגע צייטן. מיר וויקן זיך אין א ביטערע שווערע גלות, די גלות איז זייער לאנג. אויבנאויף קוקט עס אויס ווי עס שלעפט זיך סתם, אבער דער אמת איז ממש נישט אזוי, די אמת איז אז עס געשעט דא א פראצעס, א לאנגאזאמע איבערגאנג ביי יעדן איינעם פריוואט, וואס וועט ענדע צוברענגען אז מיר זאלן קענען אינגאנצן ארויסגיין פון גלות, אז מיר זאלן ווערן באפרייט פון אונזער אייגענע גלות.

נאך א נקודה וואס מיר לערנען ארויס פון גלות מצרים איז, אז אונטער א שוועריגקייט באהאלט זיך א טובה. ווען משה רבינו איז געקומען צו פרעה און געבעטן ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים, וואס האט פרעה געטון? ער האט שווערער געמאכט די ארבעט פאר די אידן.

ווען די אידן האבן עס געזען זענען זיי געווען מלא טענות צו משה רבינו.

"דו האסט נאר ערגער געמאכט", האבן זיי געזאגט.

וואס איז אבער געווען די אמת? דער אמת איז געווען אז עס איז טאקע געווען שווערער אבער די שוועריגקייט איז געווען צייטווייליג, א קושי השעבוד, און דורך די קושי השעבוד זענען אידן שנעלער ארויס פון גלות.

מיר טרעפן זיך אויך אסאך מאל אין אזא מצב. צומאל ווערט אונז שווערער, עס קוקט אויס עק וועלט, אבער צומאל ליגט דא די ישועה, די ציל פון די שוועריגקייט איז צו צויאגן די גאולה.

אז מיר וועלן דאס וויסן וועלן מיר זוכה זיין צו זען ניסים ונפלאות, יעדער איד וועט זוכה זיין אז עס וועט מקויים ווערן ביי אים דער פסוק פון 'כימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות' וועט מען אויך יעצט זוכה זיין צו זען ניסים ונפלאות.


מהיום מגיעים לכל העולם

חדש!

עלון השגחה פרטית
מגיע ישירות עד הבית
לכל העולם

בשפות, עברית, אידיש ואנגלית.

להצטרפות למעגל
מזכי הרבים, הזוכים
בבנים יראים ושלמים

התקשרו ל 6176* שלוחה 4
או מרחבי העולם:
+972-2-5866-075

"פשוט התחלנו לחיות מחדש"

זה המשפט שכבר נשמע מעשרות אלפי אנשים מכל רחבי העולם שמאזינים לקו השגחה פרטית

גם אתם רוצים לחיות
האזינו לקו התוכן המאגד
את כל יהודי העולם
במספר החדש 6176*
או ב: 02-30-11-300

מרחבי העולם:
מארה"ב 151-86-130-140
מאנגליה 0-330-3900-489
מבלגיה 0-380-844-28
מארגנטינה 398-840-31
מדרום אפריקה 8755-18-521
מאוקראינה 380-947-100-633
אוסטרליה 613-996-10005

מגזין השגחה פרטית
שכבר מכניס את
האור לאלפי משפחות

הכניסו גם אתם את האור
הביתה
6176* שלוחה 3